# קרית ברסלב בלעטל


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

שביעי של פסח, כ"א ניסן תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון כ"ח


**זמנים**
(Liberty)

הדלקת הנרות.......7:20
מוצאי יום טוב.......8:55

## א מעשה פון תפלה

### אברהם משה שטראסער

אינמיטן פסח האט מיין וואסער פון די הויז אויפגעהערט ארבעטן, גלייך האט מען אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן מען זאל וויסן וואס די פראבלעם איז און נאכדעם וואס מען ווייסט שוין די פראבלעם זאל עס שנעל קענען ווערן געפיקסט, ברוך השם אז מען וואוינט דא אין אזא הייליג שטעטל מיט אזאלעכע געטרייע חברים וואס זענען אלץ גרייט צו העלפן ווען מען דארף, מען האט אויסגעפיגערט אז די וואסער פאמפ איז צובראכן און מען דארף לייגן א נייע, גלייך האט מען געקאלט א קאמפאני עס צו קומען פיקסן, און שכח אייבערשטער אז אין גאר א קורצע צייט איז שוין געליגן א נייע פאמפ, שכח אייבערשטער פאר די מתנה פון וואסער וואס דו גיבסט מיר יעדן טאג.

### מנחם שטיינבערג

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען מופן צום שטעטל נאך פאר פסח און אלעס זאל זיך גוט אויסארבעטן, אזוי אויך האב איך אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן אלעס צוגעשטעלט פאר'ן פסח, אפילו ווען עס איז אנגעשטרענגט פון האבן א קינד יעצט פאר פסח, און שכח אייבערשטער אז אלעס האט זיך געוואלדיג גוט אויסגעארבעט בעסער ווי איך האב מיך געקענט פארשטעלן.

## נייעס אין שטעטל

### ערשטע טעג פסח אין שטעטל

גאר דערהויבן איז פאראיבער די ערשטע טעג פסח אין שטעטל, אינדרויסן איז טאקע געווען קאלט און רעגענדיג אבער אין די הערצער איז געווען גאר ווארים, בפרט אז מען האט די זכיה צו האבן דעם ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל געט עס צו זייער שטארק צו די דערהויבענקייט און ווארימקייט, ביים דאווענען און ביים לערנען האט מען טאקע געדארפט זיין אפגעזינדערט לויט ווי די געזעץ פארלאנגט יעצט אין דעי צייטן, אבער נאכאלץ האט עס נישט אוועקגענומען פון די געשמאקע יום טוב'דיגע אטמאספערע.

גאר ספעציעל איז געווען ווען מען האט געהאט די זכיה צו הערן דאווענען שחרית פונעם ראש ישיבה שליט"אביידע טעג יום טוב, ווי אויך מוסף פונעם ערשטען טאג וואס דעמאלטס בענטשט מען טל.

ווי אויך האט מען געהאט די זכיה צו הערן גאר שיינע שיעורים במשך דעם יום טוב, סיי פארן דאווענען, ווי אויך צווישן מנחה און מעריב ביידע טעג יום טוב, און אזוי אויך די דף גמרא יעדן טאג, און אזוי אויך חול המועד האט מען געהאט די זכיה צו הערן לענגערע שיעורים - זיך צו מחזק זיין מיט די עצות פונעם הייליג'ן רבי'ן.

פון א אנדער'ן קוק ווינקל דערקענט זיך דא אין שטעטל זייער שטארק די געוואלדיגע אחדות סיי ביי די מענער און סיי ביי די פרויען - ווי מען העלפט זיך ארויס כסדר מיט וואס מען דארף נאר, בפרט יעצט פסח האט מען עס באמערקט גאר שטארק, ביי איינעם האט די וואסער אויפגעהערט צו ארבעטן איז שוין געווען דארט אפאר אינגעלייט ארויסצוהעלפן און זעהן וויאזוי מען קען עס פיקסן - קודם אויף צייטווייליג, און נאכדעם האט מען געמאכט זיכער עס זאל ווערן אינגאנצן געפיקסט, אזוי אויך האט זיך צובראכן די פאמפ אין די מקוה איז שוין געווען איינער וואס האט געמאכט זיכער צו קויפן א נייע, און די גאנצע עולם האט ארויס געהאלפן מיט געלט וויפל עס האט זיך אויסגעפעלט, און אזוי אויך אויב איינער האט געזעהן אינמיטן יום טוב אז עס פעלט אים געוויסן פראדוקטן, האט ער געקענט גיין נעמן פונעם בית התבשיל, ווי עס איז געווען צוגעשטעלט פון אלעם גוט'ן.

אין די זכות פון חסד און פון די אחדות דא אין שטעטל וועט מען זיכער מצליח זיין ווייטער דא אין שטעטל אויף א אויסטערלישע פארנעם.

**כשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו.**

## מודעה

| | |
|---|---|
| מנחה ביידע טעג | 7:35 |
| שחרית ביידע טעג | 10:30 |
| שיעור מיטל נאכט | 8:00 |
| נעילת החג | 7:45 |

א לעכטיג'ן כשר'ן פסח

# ערשטע טעג פסח מיט דעם ראש ישיבה שליט"א

**שיעור פעולת הצדיק ערשטע טאג יום טוב:**

דער הייליגע רבי האט אמאל ארום גערעדט פון דעם וואס א געוויסע צדיק האט זיך אויסגעדריקט אז אפילו ער וועט זיין נאר אפר [אש] אבער כאטש וועט בלייבן פון מיר עפעס - אפר וועט כאטש בלייבן פון מיר, אזוי ווייט האבן צדיקים געהאלטן אז זיי זענען גארנישט. האט דער ראש ישיבה פארציילט אז דער הייליגער ישמח משה זי"ע פלעגט וויינען ביי די כל נדרי דרשות "איך בין גרייט מען זאל נעמען מיין קערפער און פארברענען און די אש זאל מען צושפרייטן אין אלע זיבען וואסערן פון די וועלט, אבי משיח זאל קומען און אויסלייזן אידישע קינדער פון גלות" אזוי ווייט זענען צדיקים געווען גרייט זיך מוסר נפש פאר אידן.

ביי מוהרא"ש האט מען געקענט זעהן אז ער האט אוועק געגעבן זיין גאנצע לעבן און אלעס וואס ער האט נאר געהאט פאר אידנ'ס וועגן, ער איז געווען פארשעמט ביי יעדן איינעם [איך געדענק נאך פאר איך בין מקורב געווארן צו מוהרא"ש, איז מוהרא"ש געקומען צו א געוויסע מסיבה וואס מיינס א קרוב האט געמאכט, אזוי ווי איך האב אלץ געהאט א געפיל צו ברסלב - האב איך נאר געזיכט דארט ביי די מסיבה צו מכבד זיין מוהרא"ש מיט וואס עס פעלט זיך אויס, איז געזיצן דארט א געוויסע רב און ער רוימט מיר אריין אין די אויער "פארוואס ביזטו אים מכבד? ער איז דאך זייער פארשעמט"] אבער פאר מוהרא"ש איז דאס געווען אלעס כדי אבי א אנדערע איד זאל וויסן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט און נאר צו אים דארף מען זיך ווענדן ווען מען האט א פראבלעם. צו דעם קענען אונז אויך צו קומען אויב מען וועט זיך מתבודד יעדן טאג צום אייבערשטן.

**שיעור מיטל נאכט:**

ברוך השם מיר האבן זוכה געווען צו מאכן א סדר און טוהן די אלע מצוות פונעם סדר, ווילאנג מען איז דא אויף דער וועלט וועט מען נישט וויסן די חשיבות וואס עס האט אויבן אין הימל א יעדע מצווה וואס א מענטש טוט דא אויף דער וועלט. א נס אז עס איז דא אזא זאך ווי א יום טוב - מען קען זיך אביסל בארואיגן פון די יאגעניש און מוטשעניש וואס מען האט במשך דעם יאר, א מענטש ארבעט שווער א גאנצע וואך, אבער ווען עס קומט שבת בארואיגט מען זיך אביסל פון דעם שווערן וואך וואס מען האט געהאט, אזוי אויך האט דער אייבערשטער אויסגעשטעלט דעם יאר אז יעדע שטיק צייט פון דעם יאר זאל זיין א יום טוב, וואס דאס געט א פרישע חיות ווייטער אנצוגיין.

מען דארף דאנקן דעם אייבערשטן אויף די נס וואס אונז האבן אז מיר ווייסן פון דעם הייליג'ן רבי'ן וואס ער לערנט און חזר'ט מיט אונז אז מיר זאלן שטענדיג זיך מחיה זיין מיט די מצוות וואס מען האט. אויף אונז ליגט א פליכט צו אריינברענגען די אמונה און אנדערע אידן, יעדער דארף זעהן דורך זיין וועג צו מאכן הפצה, פון דעם שטעטל זאל ארויסקומען א לעכטיגקייט פאר די גאנצע וועלט, יעדער איינער זאל נעמען א נקודה וואס ער קען טוהן און מיט דעם זיין שטארק, אפילו עס איז נאר א קלייניגקייט.

**שיעור פעולת הצדיק צווייטע טאג יום טוב:**

דער הייליגע רבי האט זיך אמאל אויסגעדריקט פאר רבי נתן און רבי נפתלי "איך האב מיר געפירט היינט מיט א געוואלדיגע פשטות, איך בין אויפגעשטאנען און איך האב געדאווענט, דערנאך האב איך געלערנט אביסל, געזאגט תהלים, געגעסן אביסל, זיך אראפגעלייגט אביסל, און איך האב אביסל זיך אויסגעשמיסט דאס הארץ פארן אייבערשטן, און איך האב אויף מיר רחמנות" די ווערטער **"און איך האב אויף מיר רחמנות"** האט די רבי געזאגט מיט א געוואלדיגע תמימות און א לב נשבר. דאס איז א געוואלדיגע שיחה וואס מען קען ניצן פאר זיך זייער שטארק, יעדער האט צייטן וואס ער שפירט נישט גארנישט, עס איז אים אויסגעלאשן, דארף מען אבער טוהן וואס מען האט צוטוהן דאווענען און לערנען מיט א פשטות אן קיין פילינגס [הרגשים].

**שיעור צווייטע נאכט יום טוב:**

מוהרא"ש ברענגט אין אשר בנחל אז דער הייליגע רבי'ס נאמען "נחמן" איז ראשי תיבות "פסח" דער הייליגער רבי געט אונז "פסח" פה-סח מען הייבט אן שמיסן מיט'ן אייבערשטן אויף מאמע לשון, בפרט דא אין שטעטל איז דאך ממש ביטול הבחירה, מען דארף סייווי קומען אין שול, איז אויפן וועג שמיסט מען זיך אויס דאס הארץ מיטן אייבערשטן, מען גייט דורך די קאפ און מען בעט דעם אייבערשטן אויף הייליגע אויגן, אויערן, נאז, מויל. קינדער מעגן הערן ווי א טאטע רעדט צום אייבערשטן, אזוי וועט עס אריין גיין אין זיי אז מען דארף רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג.

**שיעור שלש סעודות:**

מען דארף זיך זייער פרייען מיט די מצוות פון יום טוב פסח, עס איז דא וואס פירן זיך צו לייגן א שטיקל פון אפיקומן ביי די טיר פון די הויז ווי מען קומט אריין - אלץ א שמירה, וואס איז די שמירה? אז אינמיטן יאר ווען דו ווערסט זיין צובראכן זאלסטו זיך דערמאנענען פון די מצה, ברוך השם חמץ האב איך נישט געגעסן פסח, דאס וועט דיך ברענגען שמחה און קענען אנגיין אין דעם לעבן.